View in browser

קניידל

טעגליכע פאָרציע נייעס.

מיטוואך בהעלותך - ט"ו סיון תשפ"ה

קניידל #422

קניידל אבזערוואציעס

ענגלאנד און אליאירטע סאנקציאנירן מדנ"י מיניסטארן בן גביר און סמוטריץ

ענגלאנד - בריטאניע צוזאמען מיט קאנאדע, אויסטראליע, ניו זילאנד און אנדערע לענדער האבן איינגעפרוירן פארמעגנס און געשטעלט רייזע באגרעניצונגען אויף דער מדנ"י נאציאנאלע זיכערהייט מיניסטער בן גביר און מיניסטער פון פינאנץ בצלאל סמוטריץ.

די סאנקציעס פארבאטן סמוטריץ און בן גביר אריינצוגיין אין לאנד אדער האנדלען מיט בריטישע פינאנציעלע אינסטיטוציעס, ענליך צום באגרעניצונגען וועלכע זענען געשטעלט געווארן אויף רוסישער רעגירונג באמטע צוליב די קריג אין אוקראינע.

דער מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו וועט אין די קומענדיגע טעג אפהאלטן א ספעציעלע רעגירונג זיצונג וואו עס וועט באשלאסן ווערן די רעאקציע צום סאנקציעס.

קאנגרעס פארשט שפעטע רעאקציע פון לאס אנדזשעלעס פאליציי צו באשיצן אייס אגענטן

קאליפארניע - דער קאליפארניע רעפובליקאנער קאנגרעסמאן דארעל איסא און מיטגליד פון די יוסטיץ קאמיטע, האט געמאלדן אז ער האט אנגעהויבן א "פולשטענדיגע אויספארשונג" איבער באשולדיגונגען אז עס האט געדויערט איבער צוויי שעה ביז ווען די לאס אנדזשעלעס פאליציי דעפארטמענט האט רעאגירט צו באשיצן אייס אפיצירן וועלכע זענען אטאקירט געווארן ווען געוואלדטאטן האבן אויסגעבראכן אין שטאט דעם פרייטאג.

אין אנדערע נייעס האט סענאטאר טאם קאטאן פארגעשטעלט צוויי נייע געזעצן וואס וועלן שטעלן גאר שטרענגע שטראפן אויף פראטעסטירער וואס שעדיגן פעדעראלע אגענטן אדער זענען אין לאנד אומלעגאל.

סענאטאר קאטאן איז באקאנט מיט זיין שארפע שטעלונג קעגן אומרוען, אריינגערעכנט אין 2020 ביים דזשארדזש פלאויד פראטעסטן ווען ער איז אויסגעשטאנען שארפע קריטיק פארן רופן די מיליטער זיך צו אריינמישן און האלטן ארדענונג.

קעגנזייטיגע קאנגרעסלייט פאראייניגט קעגן רעזאלוציע וואס פארדאמט אנטיסעמיטיזם

וואשינגטאן - די צוויי גאר עקסטרעמע קאנגרעסלייט, מארדזשארי טעילאר גרין (רעפובליקאנער-דזשארדזשיע) און ראשידה טאליב (דעמאקראט-מישיגן) האבן זיך אפגעזאגט פון שטימען אין א אומפארטייאישע רעזאלוציע וואס פארדאמט דעם אויפשטייג פון אנטיסעמיטיזם.

גרין האט באשולדיגט אז קאנגרעס געבט פריאריטעט פאר אנטיסעמיטיזם איבער אנדערע האס פארברעכנס, זאגנדיג אז געזעץ-געבער "שטימען קיינמאל נישט איבער האס פארברעכנס קעגן ווייסע מענטשן, קריסטן, מענער, און היימלאזע." זי האט אויך געזאגט אז צופיל שטיצע פאר מדנ"י קען ביישטייערן צו אנטיסעמיטיזם.

טאליב האט קריטיקירט די רעזאלוציע אלס א "רעפובליקאנער-געפירטע פארזוך צו פאליטיזירן טראגישע געוואלדטאטן." זי האט אויך באשולדיגט אז קאנגרעס טוט גארנישט צו פארדאמען אטאקעס אויף פאלעסטינער אמעריקאנער.

אין די פארגאנגענהייט איז גרין קריטיקירט געווארן פארן פארשפרייטן אנטיסעמיטישע קאנספיראציע טעאריעס. טאליב באנוצט זיך מיטן פראזע "פון דער טייך ביז ים," וואס ווערט אויסגעטייטשט ווי א רוף פאר די פארניכטונג פון מדנ"י.

אמעריקא האט געפירט צום מיטל מזרח 20,000 מיסילס וועלכע זענען געווען באשטימט פאר אוקראינע

אוקראינע - אוקראינע'ס פרעזידענט זאלענסקי האט איבערגעדעקט אז אמעריקא האט איינגעשטימט צו געבן פאר אוקראינע 20,000 ספעציעלע אנטי-דראון מיסילס אבער די וואפן איז אין די ענדע געגעבן געווארן פאר מיטל מזרח לענדער.

אין אן אינטערוויו מיט ע-בי-סי, האט זאלענסקי געזאגט אז די ביידן אדמיניסטראציע האט איינגעשטימט צו שיקן די ביליגע אבער גאר עפעקטיווע מיסילס צו אוקראינע, אבער אצינד האט די טראמפ אדמיניסטראציע געשיקט די מיסילס צום מיטל מזרח.

די וואל סטריט דזשורנאל באריכטעט אז דער אמעריקאנער פארטיידיגונגס סעקרעטאר פיט העגסעט האט צוויי וואכן צוריק פאראדערט מיליטערישע באאמטע צו שיקן די וואפן צום מיטל מזרח ארויסצוהעלפן אליאירטע זיך צו באשיצן פון טעראריסטישע אטאקעס.

טראמפ: איראן איז געווארן פיל מער אגרעסיוו אין נוקלעארע געשפרעכן

וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ זאגט אז איראן איז געווארן "פיל מער אגרעסיוו" אין די נוקלעארע געשפרעכן, און אז "איראן פירט זיך איינגאנצן אנדערש אין פארהאנדלונגען ווי זיי האבן געטון ביז עטליכע טעג צוריק, אבער מיר זענען גרייט זיך צו טרעפן נאכאמאל."

אין די זעלבע צייט האט דער ארויסגייענדע קאמאנדיר פון די אמעריקאנער צענטראל קאמאנד, גענעראל מייקל קורילא, געזאגט אז ער האט צוגעגרייט "עטליכע פלענער און אפציעס" פאר טראמפ און פארטיידיגונגס סעקרעטאר פיט העגסעט "אין פאל עס וועט נישט דערגרייכט ווערן אן אפמאך מיט איראן."

קניידל ביסן



דרום אפריקע - כאטש 6 מדנ"י ליופער וואס האבן זיך באטייליגט אין דעם יערליכן מאראטאן אין דרום אפריקע זענען געווארן אטאקירט ביים פארמעסט דורך מיטגלידער פון דער ע.ען.סי. יוגנט-ליגע. די ארגאניזירער פון די מאראטאן ווערן קריטיקירט פארן נישט בלאקירן יוגנט-ליגע מיטגלידער פון האלטן שילדן וועלכע באשולדיגן מדנ"י און פעלקער מארד און רופט די מדנ"י ליופער צו ארויסגיין פון לאנד.

אמעריקא - א נייע אנקעטע דורך יוגאוו ווייזט אז 45% פון ערוואקסענע אמעריקאנער זענען אומצופרידן מיט די באשלוס פון טראמפ צו שיקן נאציאנאלע גארד צום פראטעסטן אין קאליפארניע, מיט 38% וואס שטיצן דעם שריט. אין די זעלבע אנקעטע האט 45% אויסגעדרוקט קעגנערשאפט צום פראטעסטן קעגן אייס, 36% האבן געשטיצט די פראטעסטן, מיט 19% וואס האבן נישט אויסגעדרוקט קיין מיינונג.

עסטרייך - 10 מענטשן זענען אומגעקומען און א צאל אנדערע זענען פארוואונדעט געווארן אין א שולע שיסעריי אטאקע אין שטאט גראץ, עסטרייך נעכטן דינסטאג דורך א 21-יעריגע געוועזענע סטודענט אן קיין פריערדיגע פאליציי רעקארד. דער שיסער האט געוואוינט נאנט צום שולע, און איז באגאנגען זעלבסטמארד אויפן פלאץ. זיינע מאטיוון זענען אונטער אויספארשונג.

מדנ"י - פרעמיער מיניסטער נתניהו זאגט אז עס איז געמאכט געווארן "באדייטנדע פארשריט" אין די פארהאנדלונגען צו באפרייען די פארבליבענע משכונות אין עזה, אבער עס איז "צו פרי" צו זאגן אויב עס וועט דערגרייכט ווערן אן אפמאך. א קוואל מיט אינפארמאציע איבער די פארהאנדלונגען זאגט אז די פארשריט איז צוליב וואס וואשינגטאן האט געגעבן פאר כאמאס בעסערע באדינגונגען.

אייראפע - די אייראפעאישער קאמיסיע האט נעכטן פארגעשלאגן די 18טע פעקל פון סאנקציעס קעגן רוסלאנד צוליב איר אינוואזיע אויף אוקראינע, און וועט ציילן מאסקווע'ס ענערגיע איינקונפט, אירע בענק און איר מיליטערישע אינדוסטריע. "דאס איז די איינציגסטע שפראך וואס רוסלאנד פארשטייט," האט געזאגט דער קאמיסיע פרעזידענט אורסולא פאן דער לעיען ביי א פרעסע קאנפערענץ.

מדנ"י - דער אמעריקאנער אמבאסאדאר צו מדנ"י, מייק האקאבי, האט געזאגט אז ער גלייבט נישט אז אן אומאפהענגיגער פאלעסטינער לאנד בלייבט א ציל פון אמעריקאנער אויסערן פאליסי. "אויסער אויב עס וועט פאסירן עפעס דראמאטיש, דאס וועט ווארשיינליך נישט פאסירן אין אונזער לעבן," האט האקאבי געזאגט.

It Just Feels Right.
Engineered from the ground up.
Comfortable in your hand.
Unmatched Satisfaction.
WONDER
845-200-2323 / support@wondersimple.com
wondersimple.com

פינאנציעלע קניידל

מעטא סי-אי-או מארק זוקערבערג פערזענליך פארמישט אין פארמירן א נייע ע-איי פראיעקט

די סי-אי-או פון מעטא, מארק זוקערבערג, האלט אינדערמיט פון פערזענליך צוזאמענשטעלן א גרופע פון די סאמע בעסטע טאלאנטן אין דער ע-איי וועלט, מיטן פלאן צו בויען א ע-איי מאדעל וואס זאל קענען דערגרייכן איבערמענטשליכע פעאיגקייטן.

אלס טייל פון דער פראיעקט האט מעטא אויפגענומען אלעקסאנדער וואנג, די גרינדער פון סקעיל-ע-איי, לויט א ניו יארק טיימס באריכט. מעטא איז אויך אין געשפרעכן צו אינוועסטירן העכער $10 ביליאן אין זיין פירמע, לויט א בלומבערג באריכט.

די וועלטליכע באנק האט שארף געשניטן איר פארשאצונג פאר גלאבאלע עקאנאמישע וואוקס נעכטן, ציטירנדיג זארגן ארום האנדל אומזיכערקייט. די באנק שאצט יעצט פאר אז די גלאבאלע עקאנאמיע וועט וואקסן בלויז 2.3% אין 2025, ווייניגער ווי די פריערדיגע שאצונג פון 2.7%.

דיזני האט פארענדיגט א דיעל מיט קאמקעסט צו אפקויפן איר 33% טייל אין הולו פאר $438 מיליאן. דערמיט וועט הולו ווערן א טייל פון דיזני-פלאס, נאכפאלגענדיג א פארצויגענע געפעכט איבער די ריכטיגע ווערד פון די פלאטפארמע.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CREDIT
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Affiliated with a team of professional accountants
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

אומקלארקייט איבער באפעל פון טראמפ צו נידערן מעדיצין פרייזן

געשפרעכן מיט די טראמפ אדמיניסטראציע איבער נידערן אמעריקאנער מעדיצין פרייזן האבן נישט געגעבן קלארקייט ווען און וויאזוי די נידעריגערע פרייזן וועלן ווערן איינגעפירט, האבן הויפט עקזעקיוטיוון פון עלי לילי און מערק געמאלדן ביי אן אינדוסטריע קאנפערענץ נעכטן דינסטאג.

פרעזידענט טראמפ האט פאריגע חודש ארויסגעגעבן אן עקזעקיוטיווע באפעל פאר מעדיצין פראדוצירער צו נידערן די פרייזן אין אמעריקא. לויט די באפעל וועט די אדמיניסטראציע מעלדן די נייע פרייזן פאר די מעדיצין, אבער דאס האט נאכנישט פאסירט.

נאווא נארדיסק אנגעהויבן שפעטע-שטאפל שטודיע פאר נייע וואג-פארלוסט מעדיצין

novo nordisk

נאווא נארדיסק האט אנגעהויבן א נייע שפעטע-שטאפל שטודיע פאר איר עקספערימענטאלע וואג-פארלוסט דראג 'קאגרי-סעמא', נאך אנטוישנדיגע דאטא פון צוויי פריערדיגע שטודיעס אויף די דראג.

די דעניש דראג ריז זאגט אז די נייע וואג-פארלוסט דראג וועט זיין בעסער ווי איר יעצטיגע באהאנדלונג 'וועגאווי,' און זאגט אז דאס וועט זיין בעסער ווי די פאפולערע 'מאונדזשערא' וואג-פארלוסט דראג פון די אמעריקאנער פירמע עלי לילי.

כ'וויל אים שוין זאגן צוויי יאר
אבער כ'קען מיר נישט ערלויבן אז ער זאל אויפהערן קויפן ביי מיר.
לאמיר נעם אויסהאלטן
מסכים
845.751.9521

לאקאלע קניידל

געוועזענע מעיאר בלומבערג אינדארסירט קאומא פאר סיטי מעיאר

ניו יארק סיטי - די קאמפיין פון דער געוועזענער גאווערנער קאומא האט באקומען פרישע מאמענטום נאך וואס דער געוועזענע סיטי מעיאר מייקל בלומבערג האט אינדארסירט קאומא אין די פארמעסט שטייענדיג צוויי וואכן פאר פריימערי טאג.

בלומבערג האט געזאגט אז קאומא איז א סטעיטסמאן אין קאנטראסט צו די אנדערע קאנדידאטן, און אנגעוויזן אויף זיין ארבעט צו רעגולירן לעגאלע ביקסן און איבער עפענען די 2טע עוועניו סובוועי סטאנציע.

קאומא האט געזאגט אז ער איז שטארק באערט פון די שטיצע, צולייגנדיג אז בלומבערג צייגט אז "ערפארונג איז גאר וויכטיג."

מאסיווע אנטי-אייס פראטעסטן אין מאנהעטן

ניו יארק סיטי - מאסיווע פראטעסטן קעגן פרעזידענט טראמפ'ס שטרענגע אימיגראציע אינפארסירונגען זענען נעכטן אפגעהאלטן געווארן אין לאוער מאנהעטן, און זענען געווען רואיג ביז די ווילדע ראווען אנגעשטעלט דורך ליבעראלע פראטעסטירער.

מעיאר עדאמס ווארנט אז ווילדע פראטעסטן וועט נישט ווערן טאלערירט אין ניו יארק סיטי. "ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט איז בעסטנס גרייט צו רעאגירן צו יעדע פראבלעם," האט עדאמס געזאגט.

אידישע קניידל

הצלה און ניו יארק סיטי פאליציי אפגעהאלטן זיצונג צו פארבעסערן קאארדינאציע

הויכראנגיקע באאמטע פון די ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט און הצלה קאארדינאטארן האבן זיך פארזאמלט פאר א זיצונג צו פארבעסערן די עמערדזשענסי רעאקציע און קאמיוניקאציע צווישן די צוויי וויכטיגע ארגאניזאציעס.

ביים זיצונג זענען געווען אנוועזנד הויפט באאמטע פון די הייוועי פאטראל, טראפיק קאנטראל, און אנדערע עמערדזשענסי אפטיילונגען צוזאמען מיט הצלה קאארדינאטארן פון וויליאמסבורג, בארא פארק, סטעטן איילאנד, פאר ראקאוועי, מאנהעטן און קווינס.

ביים זיצונג האט דזשעף טשיף פון די סיטי פאליציי דעפארטמענט - גערעדט איבער די אנגעריגערע באציאונגען מיט הצלה, און עס באצייכנט אלס "א מאדעל פון קאאפעראציע."

מרכז רבני אייראפע פייערט 25סטע יארטאג אין קראקא

מער ווי 200 רבנים און קהילה פירער פון איבער די וועלט האבן זיך פארזאמלט אין קראקא, פוילן, צו פייערן די 25סטע יארטאג פון מרכז רבני אייראפע, און האט אפגעצייכנט א באדייטנדע מיילשטיין אין די ארגאניזאציע'ס ארבעט צו שטיצן יידישע לעבנסשטייגער אין אייראפע.

צווישן אנדערע האבן בייגעוואוינט די הויפט רבנים פון מדנ"י - רבי יצחק יוסף (ספרד) און רבי קלמן בער (אשכנז) געריסן פון ירושלים זיך באטייליגן ביים צערעמאניע און בעערט הרב דובי האגוי פרט די ארטאדאקסישער אידישער קאמער, און איז אנערקענט געווארן פאר זיין אינטערנאציאנאלע ארבעט פון לאבירן פאר רעליגיעזע פרייהייט.

וואו צו קויפן
ווייס איך. די שאלה איז
וואס?
MALBISH
845.444.6902 orders@malbish.co
Next to Kravitz Hatters

חרדישע קניידל

האדמו"ר מגור וועט פארברענגען אין ניו יארק איבער שבת

מיט איבערראשונג איז אויפגענומען געווארן די פריידיגע בשורה, אז כ"ק אדמו"ר מגור שליט"א וועט פארברענגען אין ניו יארק אויף דעם קומענדיגן שבת און פראווענען אויף א פריוואטע פארנעם אין מאנסי, בלויז מיט די באטייליגונג פון נגידי המוסדות וועלכע שליסן זיך אן מיט די סומע פון א פערטל מיליאן דאלער לטובת 'קרן הצלת התורה ד'גור'. די תפלות און טישן וועלן פארקומען אין שטוב פון הנגיד ר' מאיר פריי הי"ו אין מאנסי.

אין אנדערע נייעס, וועט פארקומען היינטיגן מיטוואך - צוויי אזייגער נאכמיטאג, די היסטארישע מעמד 'חנוכת הבית' פארן נייעם בנין ת"ת אמרי אמת ד'גור אין בארא פארק. אין די פארמיטאג שעות וועט דער רבי באזוכן אין די 'פייוו טאונס' ביי עטליכע נגידים און שפעט נאכמיטאג וועט זיך דער רבי ארויסלאזן אויפן וועג קיין מאנסי, ווי דער רבי וועט וויילן ביז איבער שבת.

לויטן פלאן וועט דער רבי באשיינען היינט נאכט ביים שמחת החתונה בבית סקווירא און מארגן דאנערשטאג ביי די שמחת החתונה בבית סטמאר. אזוי אויך וועט זיך דער רבי באטייליגן ביי א משפחה שמחה אין מאנסי.

דער רבי וועט זיך צוריקקערן קיין בארא פארק דעם קומענדיגן זונטאג שלח, ווי עס וועלן זיין זמני קבלת קהל פאר די חסידים. דערווייל איז נאכנישט באשטעטיגט ווען דער רבי וועט זיך צוריקקערן קיין ארה"ק.

דעטאלן ארום 'מסע גדולי ישראל' לטובת 'קרן עולם התורה'

אנו מקדמים בברכה ובהתרגשות עצומה את פני גדולי הדור
תנו עוז לאלוקים
ותנו כבוד לתורה

אין די יעצטיגע טעג איז באשטעטיגט געווארן די דעטאלן ארום די היסטארישע נסיעה פון די גדולי ומאורי ישראל פון ארה"ק, וועלכע וועלן אנקומען קיין אמעריקא די קומענדיגע וואך פרשת שלח. די משלחת כבוד וועט אנשליסן אין זיך כבוד מרנן ורבנן הגאון רבי דוב לאנדא און הגאון רבי משה הלל הירש שליט"א ראשי ישיבות סלאבודקא, כ"ק האדמו"רים מצאנז און ראחמיסטריווקא שליט"א, הגאון רבי דוד כהן, הגאון רבי יעקב הלל, הגאון רבי שמעון גלאי, הגאון רבי אברהם סאלים שליט"א.

די משלחת כבוד וועט אנקומען זונטאג מיטאג אין שטאט לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע, און מאנטאג אין שטאט שיקאגא. דינסטאג אין לעיקוואוד, ווי עס איז געפלאנט א גרויסע מעמד 'קבלת פנים רבתי', ווי כ"ק אדמו"ר מצאנז שליט"א וועט אויפטרעטן. מיטוואך וועלן די גדולי ישראל אנקומען קיין ניו יארק און זיך דארט אויפהאלטן ביז איבער שבת. זונטאג קרח וועט די משלחת כבוד ארויספארן קיין טאראנטא, קאנאדא און מאנטאג קרח וועלן זיי זיך צוריקקערן קיין ארה"ק.

סדר ימי השמחה בחצר הקודש בעלזא

חסידי בעלזא גרייטן זיך מיט התרגשות צום גרויסן שמחת החתונה פון אן אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר מבעלזא שליט"א, וואס קומט פאר דעם קומענדיגן מיטוואך שלח אין די גיגאנטישע 'ארענא סטאדיום' אין ירושלים. די מעמד החופה וועט פארקומען אויפן גרויסן שטח פארנט פון ביהמ"ד הגדול בעלזא אין ירושלים.

די שמחה וועט זיך שוין אנהויבן דעם שבת ביים גרויסארטיגן 'שבת אויפרוף' אין גרויסן בעלזא ביהמ"ד, נאכפאלגענדיג מיט די 'שמחת הפארשפיל' מוצאי שבת. די צענטראלע שבע ברכות וועט פארקומען זונטאג שלח, אויפן גרויסן שטח פארנט פון ביהמ"ד הגדול אין ירושלים.

האדמו"ר מסאטמאר אדרעסירט 'סיום הש"ס' פון חבורת תורתך שעשועי

ביים טעגליכן 'תהילים שיעור' אין היכל המתיבתא אין קרית יואל, האט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א ארומגערעדט 'דברי הכנה' צום היסטארישן מעמד 'סיום והתחלת הש"ס' אין ראם פון חבורת 'תורתך שעשועי' וועלכע קומט פאר דעם קומענדיגן זונטאג שלח אין די 'אר-סי-סי' קאמפלעקס אין מאנסי.

צווישן אנדערע, האט דער רבי שארף ארויסגעטראטן קעגן די וואס קריטיקירן די עסקנים, זאגנדיג אז מ'דארף מחזק זיין בשער בת רבים די געוואלדיגע פעולות פון די חשובע עסקנים, וממנו ילמדו וכן יעשו.

שמחת **החתונה** פון אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר **מסקווירא** שליט"א, בן לחתנו הרב יעקב יוסף האגער שליט"א בן כ"ק אדמו"ר **מוויזניץ מאנסי** שליט"א, מיט הכלה בת כ"ק אדמו"ר **מקאסוב לאנדאן** שליט"א וחתן כ"ק אדמו"ר **מקאסאן לאנדאן** שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול והחדש אין שיכון סקווירא.

שמחת **החתונה** פון א **אור אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר מטשערנאביל** שליט"א, אייניקל פון זיין עלטסטן איידעם הגה"צ ר' יעקב אלעזר ראטענבערג שליט"א **אדמו"ר מקאסאני ב"ב**, די חתן א זון פון זיין איידעם הרב מאיר מאסקאוויטש שליט"א בן הגה"צ ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א **אדמו"ר משאץ**, מיט די כלה א טאכטער פון הרב ליפא טייטלבוים שליט"א, זון פון כ"ק אדמו"ר **מאלפעק ירושלים** שליט"א, און איידעם ביי הגה"צ ר' יוסף נחמי' הירשלער שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול טשערנאביל אין בני ברק.

כ"ק אדמו"ר **מקוידינוב** שליט"א איז אנגעקומען **צוגאסט אין קווינס** לטובת מוסדותיו.

שידוכים קניידל

החתן **נפתלי הירצקא** נ"י בן מו"ה **אברהם ידידי' שפירער** הי"ו (מאנסי)
עב"ג בת מו"ה **משה חיים פילאפף** הי"ו (וומס"ב)
שדכן **אשת** מו"ה **יחיאל פאזען** הי"ו (וומס"ב)

החתן **אהרן יואל** נ"י בן מו"ה **יחיאל גוטמאן** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **עקיבא הערש קליין** הי"ו (ק"י)
שדכן מו"ה **יקותיאל גליק** הי"ו (וומס"ב)

החתן **חנני' יו"ט ליפא** נ"י בן מו"ה **יואל פליישער** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **אליעזר אבא גרינהוט** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **דוב שטיינער** הי"ו (ב"פ)

צו באקומען טעגליך - דרוקט דא

מיר ווארטן צו הערן אייער קאמענטארן
וויאזוי מיר קענען אייך בעסער סערווירן דעם פארציע.
ביטע לאזט הערן אייער מיינונג דא

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385

If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe